אנדערסענס מעשהלעך

ייִדיש דער נסתּר

№ 4

# אַלע־לוק־אָיע.

פֿאַרלאַג
„קולטור־ליגע"
וואַרשע.

49

אנדערסענס מעשהלעך

ייִדיש דער נסתּר

№ 4

# אָלע־לוק־אָיע.

פאַרלאַג
„קולטור־ליגע"
וואַרשע.

איבערדרוקן פֿאַרבאָטן.

געדרוקט אין 3500 עקז.
וואַרשע, 1921.

BAJKI ANDERSENA. Wyd. „KULTUR-LIGE". Warszawa 1921.

Druk I. Hendlera, Warszawa, Długa 26.

# אלע־לוק־איע.



אויף גאָר דער וועלט איז ניטאָ אַזאַ איינער, וואָס זאָל קאָנען אַזוי פיל מעשיות, ווי אָלע־לוק־אָיע. היינט אַ דערציילער איז ער — אַ מייסטער.

אַלע אויפדערנאַכט, ווען די קינדערלעך זיצן נאָך ביים טיש, אָדער אויף די בענקעלעך אויף זייערע, קומט צו גיין אָלע־לוק־אָיע. שטיל, מיט טריט מיט שטילע (ער גייט אין זאָקן) — קומט ער אויף די טרעפּ אַרויף, עפנט די טיר שטיל אויף, קומט צו די קינדער צו — טסס!... און פּלוצים טוט ער זיי אין די אויגן מיט אַ מין זיסער מילך אַ שפּריץ — מיט אַ דין־דין שטראָמעלע אַזאַ, און פּונקט אַזוי פיל, אַז ס׳זאָלן זיך ביי זיי די אויגן אָנהויבן קלעפּן און זיי זאָלן אים, אָלע־לוק־אָיען, ניט זען. דאַן גנבעט ער זיך זיי הינטער דעם רוקן אונטער, טוט זיי שטיל אין האַלז־און־נאַקן אַ בלאָז־ווערן ביי זיי די קעפּעלעך שווער. ווייַ אָבער טוט עס נישט

חלילה! אָלע־לוק־אָיע טוט קיין שלעכטס ניט די קינדער, ער וויל נאָר זיי זאָלן אַ ביסל שטילער ווערן, וואָס דאָס קאָן זיין נאָר, ווען מע לייגט זיי אין די בעטעלעך אַריין; און ווילן וויל ער עס צוליב דעם, ער זאָל זיי קאָנען מעשיות דערציילן.

און, אַז די קינדער שלאָפן איין, זעצט זיך אָלע־לוק־אָיע צו זיי אויפן בעטל צו. אָנגעטאָן איז ער שיין: דאָס סורדוטל זיינס איז אַ זיידנס, נאָר פון וואָס פאַר אַ פאַרב דאָס איז, קאָן מען ניט וויסן, ווייל אַ מאָל ווייזט עס זיך אויס גרין, אַ מאָל רויט, אַ מאָל בלוי, ס'ווענדט זיך פון דעם, אין וואָס פאַר אַ זייט עס דרייט זיך אויס אָלע־לוק־אָיע. צוויי פאַראַסאָלן טראָגט ער, צו איינעם אונטער אַן אָרעם. איינער פון זיי, אויף וועלכן ס'זיינען בילדער אויסגעמאָלט, עפנט ער אויף גוטע קינדער אויף, און דאַן חלומען זיך זיי אַ גאַנצע נאַכט גוטע חלומות, דער צווייטער, אויף וועלכן ס'איז גאָרנישט אויסגע־מאָלט, עפנט ער איבער שלעכטע קינדער, און זיי שלאָפן דאַן, ווי די געהרגעטע, און אַז זיי כאַפן זיך אינדערפרי אויף, קאָ־נען זיי גאָרנישט דערציילן.

איצט לאָמיר הערן, ווי אַזוי אָלע־לוק־אָיע איז אַמאָל אין משך פון אַ וואָך כסדר אַלע ביינאַכט צו איינעם אַ קליינעם יינגעלע, וואָס מ'האָט היאַלמאַר גערופן, געקומען, און וואָס אַזוינס ער האָט אים דערציילט. אַלע געשיכטעס וועלן זיין זיבן, ווייל אין אַ וואָך זיינען דאָך נאָר זיבן טעג פאַראַן.

## מאָנטאָג.

אויפמערקזאַמקייט! — האָט געזאָגט אָלע־לוק־אָיע אויס־דערנאַכט, אַז ער האָט היאַלמארן אין בעטעלע אַריינגעלייגט. — איך וועל דאָ אַ ביסל צוקלייבן פריער! — און פלוצים זיינען פון די בלומען אין די בלומען־טעפּ גרויסעביימער געוואָרן, די לאַנגע צווייגן זייערע האָבן איבער די ווענט און ביז צו דער סאַמע סטעליע אַזש דערגרייכט, אַזוי אַז דער חדר איז אויף אַן אויסגעצייכנט־שיין גאָרטן־שטיבעלע ענליך געוואָרן.

די צווייגן זיינען מיט בלומען אָפּגעשאָטן געשטאַנען, און די בלומען זיינען שענער פון די רויזן געווען, אַ שענערן ריח פון זיי פאַרשפרייט, און אין טעם — זיסער פון איינגעמאַכטס גע־ווען. די פרוכטן האָבן ווי גאָלד געשימערירט; אויך פלאָדע־לעך אַזוינע האָבן זיך באַוויזן, וואָס זיינען מיט אַזוי פיל ראָ־זינקעס אָנגעפילט געווען, אַז זיי זיינען שיער ניט צעזעצט געוואָרן פון אָנגעפולטקייט. ס׳איז שוין איינמאָל גוט געווען! נאָר אין דער רגע האָט זיך פונם שופלאָדל, וואָס היאַלמאַרס לערנביכלעך זיינען דאָרט געלעגן, אַ געוויין דערהערט.

— וואָס איז דאָס? — האָט געפרעגט אָלע־לוק־אָיע, צום טיש צוגייענדיק און דאָס שופלאָדל אַרויסרוקנדיק. האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דעם רעש האָט דאָס גריפעל־ברעטל אָנגע־מאַכט, דאָס, וואָס געוויסע צאָלן האָבן זיך געשטופּט און גע־קנייפּט דאָרט אויף דעם, דערפאַר וואָס אין דער אויפגאַבע אין דער אַריטמעטישער האָט זיך איינע נישט קיין ריכטיקע צאָל אַריינגעכאַפּט. דער גריפעל איז געשפרונגען און אויפן סטענגעלע געדרייט זיך, פונקט ווי אַ הינטעלע אַ קליינטשיקס, ער האָט געוואָלט דעם טעות פאַרריכטן, האָט ער אָבער נישט געקאָנט. און דאָ האָט זיך אויך פון דעם קריץ־העפט ביי היאַלמאַרן אַ קרעכץ דערהערט — כאָטש די אויערן צו פאַר־שטעקן! אויף יעדן בלעטל זיינען פון אויבן ביז אַראָפּ גרוי־סע, און נעבן זיי קליינע, אותיות געשטאַנען — דאָס איז דער קריץ געווען; און נעבן קריץ זיינען עפּעס אַנדערע אותיות געווען, אַזוינע, וואָס האָבן געמיינט, אַז זיי זיינען אויף די ערשטע ענליך די האָט שוין היאַלמאַר אָנגעשריבן, אָבער באמת האָבן זיי אַזוי אויסגעזען, גלייך ווי זיי וואָלטן אויף די ווירעס מיט די בייכער אַנידערגעפאַלן, דאָרט וואו זיי האָבן, אייגנטליך, שטיין באַדאַרפט.

— קוקט, ווי אַזוי מ׳דאַרף זיך האַלטן! — האָט געזאָגט דער קריץ — קוקט! אָט אַזוי ציט זיך אויס און שטעלט זיך גלייכער!

— מיר וואָלטן אַוודאי געוואָלט אַזוי, — האָבן געזאָגט

די אותיות היאַלמאַרס, — קאָנען מיר אָבער ניט, מיר זיינען אַזוי שוואַך, אַזוי שוואַך.

— נו, אויב אַזוי, וועט איר דאַרפן רעצעפּט איינגעמען!

— האָט געזאָגט אָלע־לוק־אָיע.

— אוי, ניין, ניין! — האָבן אַלע אותיות אין איין קול זיך צעשריגן, און באַלד זיך אַזוי גלייך און פּינקטליך אויס־געשטעלט, אַז ס'איז אַ מחיה געווען צו קוקן.

— נו, היינט איז שוין קיין צייט ניטאָ אויף מעשיות צו דערציילן, — האָט געזאָגט אָלע־לוק־אָיע. — מ'דאַרף מיט זיי אַ ביסל צולערנען, מיט די אותיות. איינס, צוויי! איינס, צוויי!

— און ער האָט זיך גענומען די אותיות מושטירן, און יענע האָבן זיך אויסגעגלייכט און אַזוינע שיינע און גלייכע, פּונקט ווי דער קריץ, געוואָרן. אָבער, אַז אָלע־לוק־אָיע איז אַוועק־געגאַנגען און היאַלמאַר איז אינדערפרי אויפגעשטאַנען און נאָך אַמאָל אויף זיינע אותיות אַ קוק געטאָן, אַזוי האָט ער זיי צוריק און ווי פריער פאַרקרענקטע און פאַרשלימזלדיקטע געפונען.

## דינסטאָג.

ווי נאָר היאַלמאַר האָט זיך אין בעט אַריינגעלייגט, אַזוי האָט אָלע־לוק־אָיע מיט זיין כשוף־שפּריצער דאָס גאַנצע מעבל באַשפּריצט, און דאָס מעבל האָט באַלד בעבען גענומען, דער־ביי האָט יעדערער נאָר וועגן זיך גערעדט. אליין נאָר דאָס שפּיי־קעסטל איז שטיל געשטאַנען און עקל מיט מיאוס־געפיל אויף אַלעמענס באַרימען זיך און איבערנעמען זיך גע־קוקט, ווי אַזוי אַלע זיינען נאָר מיט זיך פאַרנומען און באַ־מערקן נישט אפילו ווי דאָס אַזוי ענודיק אין אַ ווינקל שטייט און יעדערן צו שפּייען אין זיך דערלויבט...

איבער דעם קאָמאָד איז אַ גרויס בילד מיט אַן אָפּגעגאָלדעטער ראַם געהאַנגען. דאָס איז אַ לאַנדשאַפט געווען. אויפן לאַנדשאַפט זיינען גרויסע אַלטעביימער אויסגעמאָלט

געוועזן, בלומען צווישן גראָזן און אַ טייך, וואָס נאָך דעם, ווי ער רינגלט דעם וואַלד דאָרט אַרום און גייט פאַרביי אַ סך פאַלאַצן־שלעסער דורך, פאַלט ער אין גרויסן ברויזנדיקן ים אַריין. האָט זיך אָלע־לוק־אָיע מיט זיין שפּריצער צו דעם לאַנדשאַפט צוגערירט, האָבן אין דער רגע די פויגלען די אויסגעמאָלטע צו זינגען אָנגעהויבן, די צווייגן פון די ביימער האָבן זיך רירן גענומען. און די וואָלקנס—אָפּצוגיין; און אַזוי לע־בעדיק, אַז מ׳האָט געזען ממש, ווי דער שאָטן זייערער רוקט זיך איבערן לאַנדשאַפט דורך.

האָט דאַן אָלע־לוק־אָיע דעם קליינינקן היאַלמאַר צו דער ראַם אויפגעהויבן און מיט די פיסלעך איס אין בילד אַריינגע־שטעלט און אויף אַן אָרט, וואו גראָז איז געוואַקסן. איז דאָס ייִנגל אַ רגע דאָרט אָפּגעשטאַנען, דערביי האָט אים די זון דורך די ביימערס צווייגן באַלויכטן, דערנאָך איז ער אָפּגע־לאָפן, און אין אַ קליין שיפעלע, וואָס איז ביים ברעג גע־שטאַנען, זיך אַריינגעזעצט. איז דאָס שיפעלע מיט ווייסן און רויטן אויסגעפאַרבט געווען, די זעגלען האָבן ווי זילבער גע־בלישטשעט, און זעקס שוואַנען מיט גאָלדענע רינגען־רייפלעך אַרום די העלזער און מיט צעשטראַלטע בלויע שטערנדלעך אויף די קעפּ האָבן עס אין דער לענג פון גרינעם וואַלד גע־פירט, דאָרט, וואו די ביימער האָבן וועגן גזלנים און מכשפות דערציילט, און די בלומען—וועגן שיינע עליפן פיצעלעך און וועגן אַלץ, וואָס די זומער־פויגעלעך האָבן זיי איבערגעגעבן.

אויסגעצייכנט־שיינע פיש מיט שופן, וואָס האָבן מיט גאָלד און זילבער געשימערט, זיינען נאָכן שיפעלע נאָכגע־שוואומען. צייטנווייז פלעגן זיי אַזוי הויך אונטערשפרינגען, די פיש, אַז דאָס וואַסער פלעגט זיך אין שיפעלע אַריינכליו־פען; פויגלען—רויטע און בלאַסע, גרויסע און קליינע זיינען ביים שיפל אין צוויי לאַנגע שורות געפלויגן; קליינע פליגע־לעך האָבן זיך אין דערלופט געדרייט, מאַי־באַבעלעך האָבן „בום!־בום! געקלונגען, אַלע האָבן זיי נאָך היאַלמאַרן נאָכ־גיין געוואָלט און יעדערער האָט געאיילט אים זיין געשיכטע

דערציילן. ס'אַ שפּאַציר געווען, שוין איינמאָל! אָט איז דער וואַלד געדיכט און פינסטער געווען און אָט איז ער אויף אַ סייערן גאָרטן, אָנגעפּולט מיט בלומען און זונען־שיין ענליך געוואָרן, אויפן וועג האָבן זיך זיי גרויסע קרישטאָלענע און מירמלשטיינערנע פּאַלאַצן געטראָפן, אויף די גאַניקעס זיינען פּריצעסינס געשטאַנען, און אַלץ מיידעלעך, וואָס היאַל־מאַר האָט זיי געקענט, וואָס ער האָט זיך געשפּילט מיט זיי. יענע האָבן צו אים די הענטלעך אויסגעשטרעקט, אין וועלכע זיי האָבן קליינע האַרץ־צוקערלעך געהאַלטן, אַזוינע שייניקע, וואָס אין קיין שום קאָנדיטעריי קאָן מען זיי פאַר קיין געלט נישט געפינען. דורפאָרנדיק האָט היאַלמאַר דאָס הערצל פאַר איין עק אָנגעכאַפּט, די פּרינצעסין האָט זיך שטאַרק פאַרן צווייטן געהאַלטן, אַזוי אַז יעדערער האָט אויף אַזאַ אופן אַ האַלבס געקראָגן: ער אַ גרעסערס און זי אַ קלענערס. ביי יעדן פּאַלאַץ זיינען אויף דער וואַך קליינע פּרינצן געשטאַנען, האָבן מיט שווערדן מיט די גאָלדענע „כבוד" אָפּגעגעבן און מיט אַ רעגן פון ראָזינקעס און סאָלדאַטעלעך צינערנע גערעגנט. זיי האָבן אַלע סימנים פון אמתע פּרינצן געהאַט!

און היאַלמאַר איז אַלץ געשוואומען. אָט איז ער דורך וועלדער דורכגעשוואומען, אָט דורך זאַלן גרויסע, און אָט דורך שטעט גאָר גרויסע. ער איז אויך דורך דער שטאָט פון זיין אַם דורכגעפאָרן, די, וואָס האָט אים קליינערהייט, ווען ער איז נאָך אַ קליין פּיצל יינגעלע געווען, אויף די הענט געטראָגן און וואָס האָט אים ליב געהאַט זעהר. זי האָט צו אים מיטן קאָפּ אַ נויג געטאָן, און אים אַ שיין לידעלע געזונגען, אַ לי־דעלע, וואָס זי האָט אַליין אַמאָל געמאַכט, און עס אים אי־בערגעשיקט.

און אַלע פויגלען האָבן מיט איר נאָכגעזונגען, אַלע בלומען האָבן אויף די שטעקעלעך אונטערגעטאַנצט און די אַלטע ביימער האָבן מיט די קעפּ צוגעשאָקלט, גלייך ווי אָלע־לוק־אָיע וואָלט זיי אויך מעשיות דערציילט.

# מיטוואָך.

אָט אַ רעגן! היאַלמאַר האָט אים פון שלאָף אַזש דער־הערט, און אַז אָלע־לוק־אָיע האָט דאָס פענסטער געעפנט, האָט שוין דאָס וואַסער ביזן שוועל־פענסטער דערגרייכט. די גאַס האָט ווי אַן אָזערע אַ גאַנצע אויסגעזען, דערפאַר איז אָבער סאַמע ביי דער שטוב אַן אויסגעצייכנט־שיינע שיף געשטאַנען.

— ביסט אפשר אַ בעלן זיך דורכשיפן אַ ביסל, קליין היאַלמאַרעלע? — האָט געזאָגט אָלע־לוק־אָיע. — פאַר דער נאַכט וועסטו אַ וועלט אויסזען און אויף אינדערפרי וועטסו נאָך קאָנען זיך צוריק אומקערן.

אין דער רגע איז שוין היאַלמאַר, אין זיינע יומטובדיקע קליידער אָנגעטאָן, אין שיף געווען; דער אינדרויסן האָט זיך אויסגעלייטערט. האָבן זיי זיך באַלד דורך די גאַסן דורכגע־שיפט, דעם קלויסטער אַרומגעפאָרן און אין ברייטן, ברויזנדיקן ים זיך אַוועקגעלאָזט. זיינען זיי אַזוי לאַנג געפאָרן און געפאָרן, ביז זיי האָבן שוין אינגאַנצן די ערד נישט אָנגעזען, און דאַן האָבן זיי אַ מחנה שטאָרכן דערזען, וואָס זיינען פון היאַלמאַרס פאָטערלאַנד אין די וואַרימע לענדער געפלויגן. גע־פלויגן זיינען זיי שורותוויז, איינער נאָך דעם אַנדערן און ווי ס'האָט אויסגעוויזן, זיינען זיי שוין לאַנג אין וועג געווען. איינער פון זיי איז שוין אַזוי מיד געווען, אַז ער האָט זיך קוים אין דערלופט געהאַלטן. ער איז דער לעצטער פון דער שורה געווען, איז ער הינטערשטעליק געבליבן, באַלד אויף אַ שטיק שוין פון די איבעריקע אָפגעשטאַנען, און לסוף שוין מיט אַראָפּגעלאָזטע פליגלען אַלץ נידעריקער און נידעריקער זיך אַראָפּלאָזן גענומען: נאָך אַ צוויי פליגלען־מאַך, ס'האָט נישט געהאָלפן... אָט האָט ער זיך שוין מיט די פיס אין זעגל־בוים צ׳ונערירט, דערנאָך האָט ער זיך פון זעגל־בוים אַ־ראָפּגעגליטשט און — בוך! און ער איז אויף דער אויבערדעק אַנידערגעפאַלן.

האָט אים אַ ייִנג גענומען און אים אין עופות־קעמערל

פול מיט הינער, ענטלעך און אינדיקעס אַריינגעזעצט. און דער אָרימער שטאָרך איז אין גרויס אָפּהענטיקייט צווישן זיי שטיין געבליבן.

— קוקט אים נאָר אָן, דעם לאַנגן דראָנג! — האָבן גע־זאָגט די הינער.

און דער אינדיק האָט זיך אָנגעבלאָזן, ווי אַן אינדיק נאָר קאָן, און אים אַ פרעג געטאָן: ווער ער איז; אַליין נאָר די ענטלעך האָבן זיך אָפּגערוקט, קאַטשענדיק זיך, און עפּעס צו גאָלמאָגען אָנגעהויבן. האָט דער שטאָרך וועגן דער הייסער אַפריקע דערציילן גענומען, וועגן די פּיראַמידן און וועגן שטרויס־פויגל, וואָס ער טראָגט זיך איבער די מדבריות, ווי אַ פערד אַ ווילדער. די ענטלעך האָבן אָבער גאָרנישט ניט פאַר־שטאַנען פון וואָס ער רעדט, האָבן זיי זיך צעגאָלמאָגעט:

— האַ, ווי מיינט איר, אַ־יאָ, ער איז אַ נאַר?

— אוודאי אַ נאַר! — האָט געזאָגט דער אינדיק און זיך אָנגעבלאָזן.

איז דער שטאָרך שוין אַנטשוויגן געוואָרן און וועגן זיין אַפריקע זיך פאַרטראַכט.

— וואָס פאַר אַ פיינע, דינע פיס ס'זיינען ביי אייך! — האָט געזאָגט דער אינדיק, — וויפל האָט איר געצאָלט אַן אַרשין?

— גאַ—גאַ—גאַ — האָבן זיך אַלע ענטלעך צעלאַכט; נאָר דער שטאָרך האָט זיך ניט הערנדיק געמאַכט.

— איר וואָלט, כ'לעבן, אויך געמעגט אַ לאַך טאָן, — האָט געזאָגט דער אינדיק, — אויף מיר די עבירה. ס'איז דאָך אַזוי קלוג געווען געזאָגט, מיין ווערטל... און אפשר איז דאָס נישט פאַר אייך, ניט פאַר אייער קאָפּ און אייער פאַרשטאַנד? ווי ס'ווייזט אויס איז ער, נעבעך, גאָרנישט קיין איבערגע־שפיצטער, אָט דער לאַנגער. מילא, וועלן מיר זיך שוין באַ־נוגענען מיט ערפאָלג נאָר צווישן אייגענעם עולם! — און ער האָט זיך צעהאָלדערט, און די ענטלעך האָבן זיך צעגאָלמאָ־געט: גאַ—גי! גאַ—גי! אַ שרעק ווי!

דאַן איז היאַלמאַר צום עופות־קאַמערל צוגעגאַנגעז, האָט וואָס טירעלע דערפון אויפגעעפנט, און דעם שטאָרך צוגערופן. און דער שטאָרך איז באַלד צו אים אויפן איבערדעק אַרויס־געקומען. ער האָט שוין אָפּגערוט געהאַט און אַלס דאַנק אים מיטן קאָפּ אַ שאָקל געטאָן; דערנאָך האָט ער די פליגלען צע־זאָזט און אין די ווייטע לענדער אַוועקגעפלויגן, און די הינער האָבן ווייטער געקוואָקעט און דער אינדיק איז, ווי אַ צאָזיק, רויט געוואָרן.

— מאָרגן וועלן מיר פון אייך אַ יויך אָפּקאָכן, — האָט געזאָגט היאַלמאַר און מיט די ווערטער זיך ביי זיך אין בעטל אויפגעכאַפּט.

אַ־יאָ, אַ מאָדנע נסיעה האָט ער יענע נאַכט אַדאַנק אָלע־לוק־אָיען געמאַכט!

### דאָנערשטאָג.

ווייסטו וואָס? — האָט געזאָגט אָלע־לוק־אָיע, — נאָר שרעק זיך ניט. — באַלד וועסטו אַ קליין מייזעלע זען! — און ער האָט די האַנט אויסגעשטרעקט און ס'איז אויף איר אַ קליין שיין חיהלע געזעסן. — ס'איז געקומען דיך אויף אַ חתונה בעטן. דאָ זיינען צוויי מייזעלעך פאַראַן, וואָס וועלן היינטיקע נאַכט חתונה האָבן. וואוינען זיי אונטערן דיל פון דיין מאַ־מעס קעמערל: מ'זאָגט, ס'איז אַן אויסגעצייכנטע וואוינונג דאָרט!

— ווי אַזוי־זשע וועל איך דורך אַ קליין לעכעלע דורכ־קריכן דאָרט? — האָט געפרעגט היאַלמאַר.

— נו, דאָס איז שוין מיין עסק! — האָט געענטפערט אָלע־לוק־אָיע. — איך וועל דאָך שוין זען דיך קליין מאַכן. — און ער האָט זיך מיט זיין כשוף־שפריצער צו היאַלמאַרן צוגעֿ־רירט, און היאַלמאַר האָט אָנגעהויבן אַלץ קלענער און קלענער ווערן, און ביז ער אין לסוף ווי זיין מינדסטער פינגער געוואָרן.

— איצט קאָנסטו ביים צינערנעם סאָלדאַטעלע זיינע קליידער צונויפֿן. ס'וועט דיר פּאַסטן זעהר. און אויסער דעם

איז אין אַ געזעלשאַפט אַ מונדיר פיינער פון אַלץ.

— אַוודאי! — האָט געזאָגט היאַלמאַר, — און אין דער רגע שוין ווי איינער פון די סאַמע פאַרפוצטע צינערנע סאָלדאַטע־לעך אָנגעטאָן געווען.

— וועט איר אפשר באַוויליקן אַזוי גוט זיין און אין אייער מאַמעס פינגערהוט זיך אַריינזעצן? — האָט געזאָגט דאָס מייזל. — דאַן וועל איך די ערע האָבן אייך אויף דער חתונה צו ...ירן.

— נאָך וואָס זאָלט איר זיך מטריח זיין? — האָט גע־זאָגט היאַלמאַר, און זיי זיינען אויף דער מייזן־חתונה געפאָרן.

לכתחילה האָבן זיי אונטער דער דיל עפעס אין אַ לאַנגן קאָרידאָר אַ דורכגאַנג געטראָפן, וואָס ער איז אַזוי הויך געווען, וועדליק מ׳זאָל און אים קאָנען אין אַ פינגערהוט דורכפאָרן. דער גאַנצער דורכגאַנג איז מיט פויל האָלץ אילומינירט געווען.

— האַ, ווי זאָגט איר, ווי ס׳שמעקט דאָ, אַ־יאָ, אַ חיות? — האָט געפרעגט דאָס מייזל, וואָס האָט היאַלמאַרן געפירט. — דער דורכגאַנג איז איינגאַנצן מיט חזיר־שמאַלץ אָנגעריבן גע־ווען. — בעסערס דערפון איז דאָך נישטאָ אויף דער וועלט.

דערנאָך זיינען זיי אין דעם חתונה־זאַל אַריינגעקומען. זיינען אין דער רעכטער זייט די מייז די דאַמען געשטאַנען, געקוויטשעט און געטשיריטשעט און גלייך ווי זיך אויסגעלאַכט איינס פון דער צווייטער; און אין דער לינקער זייט — די קאַוואַלערן און מיט די לאַפקעלעך די וואָנסעלעך געדרייט. אין מיטן דעם זאַל איז אַן אָרט פאַר חתן־כלה געמאַכט גע־ווען. זיינען זיי אין אַן אויסגעהוילטן שטיקל קעז־שאָלעכץ געשטאַנען און אומרחמנותדיק פאַר אַלעמען אין די אויגן זיך געקושט; געקושט און געקושט און אָן אַן אויפהער: זיי זיי־נען דאָך שוין פאַרקנסט געווען, און באַלד האָט די חופּה באַדאַרפט זיין. און די געסט דערווייל זיינען אַלץ צוגעקומען און צוגעקומען: די מייז האָבן זיך שיער איינס דאָס אנדערע ניט דערשטיקט, און דאָס יונגע פּאָר האָט זיך פונקט אויף דער טיר אַיינגעזעצט, אזוי אַז קיינער האָט ניט געקאָנט ניט

אַריין און ניט אַרויס. אויך דער זאַל, אַזוי ווי דער קאָרידאָר, דער דורכגאַנג, איז אינגאַנצן מיט חזיר־שמאַלץ אָנגעריבן געווען; דאָס איז דער „כיבוד" געווען און דערינען איז ער באַשטאַנען. נאָר דערפאַר האָט מען פאַר צימעס דעם עולם אַן אַרבעסל באַוויזן, וואָס איינע אַ מויז פון חתנס צד האָט אויף דעם דעם חתן־כלהס מאָנאָגראַמע אויסגעקריצט. ס'איז געווען אַ חידוש, איינס אין דער וועלט!



און אַלע מייז זיינען קאָנטענט געווען און געזאָגט, אַז די חתונה איז אַן אויסגעצייכנטע געווען און די שמועסן דאָרט זעהר און זעהר אינטערעסאַנט.

נאָכדעם האָט זיך היאַלמאַר אַהיים אומגעקערט. נו, אוודאי האָט ער אין אַ פיינער געזעלשאַפט פאַרבראַכט, אָבער דערפאַר איז זיך אים אויסגעקומען נישט קיין ביסעלע זיך צונויפקאָרטשען, אַ ברויזעלע ווערן און אין אַ מונדיר פון אַצינערן סאָלראַטעלע זיך אָנטאָן.

קאָנסט זיך גאָרנישט פאָרשטעלן, וויפיל עלטערע מענ־
טשן וואָלטן מיך גערן געזען ביי זיך! — האָט געזאָגט אָלע־
לוק־אָיע. — באַזונדערס די, וואָס האָבן עפּעס שלעכטס געטאָן
און אַ פאַרברעך באַגאַנגען. „גוט קליין אָלעלע״! — זאָגן זיי
מיר: — „מיר קאָנען מיט קיין אויג נישט צומאַכן, מיר ליגן
די גאַנצע נאַכט און זעען נאָר די שלעכטע מעשים אונזערע,
וואָס אַזוי ווי מיאוסע און קליינע שטוב־רוחעלעך זיצן זיי
אויף די בעטלעך ביי אונז און מיט הייסער וואַסער אויף
אונז שפּריצן. אַך, ווען דו וואָלסט קומען און זיי דורכטרייבן,
מיר זאָלן קאָנען אַנטשלאָפן ווערן אויף אַ ביסל״! — און
דערביי זיפצן זיי, נעבעך. — „מיר וואָלטן דיר גוט באַצאָלט
דערפאַר! אַ גוטע נאַכט, אָלע! געלט ליגט אויפן פענסטער
דאָרט״... נאָר איך טו עס ניט פאַר קיין געלט! — האָט
מוסיף געווען אָלע־לוק־אָיע.

— וואָס־זשע וועלן מיר היינטיקע נאַכט טאָן? — האָט
געפרעגט היאַלמאַר.

— כ׳ווייס ניט, צי דו וועסט ווייטער וועלן זיין אויף אַ
חתונה, אָבער די היינטיקע וועט זיין גאָר אַן אַנדערע, נישט
ווי נעכטן: די גרויסע לעלע דיין שוועסטערס, — די, וואָס זעט
אויס ווי אַ מאַנסביל און מע רופט זי הערמאַן, — וויל חתונה
האָבן פאַר דער לעלע בערטאַ. אויסער דעם איז היינט דער
געבורטסטאָג אירער, וועט זי אַ סך מתנות באַקומען.

— כ׳ווייס שוין, כ׳ווייס, — האָט געזאָגט היאַלמאַר. — יע־
דעס מאָל, ווען די לעלעס דאַרפן קליידער נייע, יומטובט די
שוועסטער דעם געבורטסטאָג זייערן, אָדער חתונה פראַוועט. ס׳שוין
אַוודאי אַמאָל הונדערט!

— יאָ, אָבער היינט וועט זיין דאָס הונדערט איינסטע.
און נאָך דער הונדערט איינסטער חתונה איז שוין אַלץ פאַר־
ענדיקט, און דערום וועט די היינטיקע סאַמע די רייכסטע און
שענסטע זיין. אָט זע!

און היאַלמאַר האָט אויפן טיש אַ קוק געטאָן; איז דאָרט אַ שטוב פון קאָרטן געמאַכט געשטאַנען, אין די פענסטער האָבן ליכט געברענט און פאַר דער שטוב זיינען אַלע סאָלדאַטעלעך צינערנע אויף דער וואַך געווען. חתן־כּלה זיינען אויף דער ערד, אין זייערע רעיונות פאַרטיפט, געזעסן — געוויס האָבן זיי דערויף זייערע טעמים געהאַט — און אין פּיסל פון טיש אָנגעשפּאַרט. און אָלע־לוק־אָיע, אין דער באָבעס שוואַרצן ראָק אָנגעטאָן, האָט ביי זיי די חופה געפּראַוועט. נאָך דער חופה האָט דאָס גאַנצע שטוב־מעבּל אַן אויסגעצייכנטשיין ליד געזונגען, דאָס ליד, וואָס דער בליישטיפט האָט צוליב דער חתונה פאַרפאַסט. דערנאָך האָט מען דער יונגער פּאָר דרשה־געשאַנק און חתונה־מתּנות געגעבן, און זיי האָבן גענומען; נאָר פון שפּייז און עסנוואַרק האָבן זיי זיך אָפּגעזאָגט: זיי זיינען זאַט פון ליבע געווען.

— ווי מיינסטו, וואו ווע‌לן מיר זומער פאַרברענגען אויף אַ זומער־וואוינונג, צי אין אויסלאַנד ערגעץ? — האָט געפרעגט דער מאַן דער יונגער.

נאָך אַן עצה האָבן זיי זיך צום שוועלבעלע, וואָס האָט אַ סך געררייזט, געקערעוועט, און אויך צו דער אַלטער הויף־הון, וואָס איז שוין פינף מאָל הינדלעך אויסגעזעסן. דאָס שוועלבעלע האָט וועגן וואונדערליכע וואַרימע לענדער דערציילט, דאָרט, וואו פון די וויינשטאָק־ביימער הענגען גרויסע און שווערע ענגלען־וויינטרויבן אַראָפּ, דאָרט וואו די לופט איז אַזוי ווייך און די בערג זיינען מיט אַזוינע וואונדערליכע פאַרבן באַצירט, וואָס ביי אונז זעט מען גאָר נישט אַזעלכע.

— דערפאַר איז אָבער דאָרט אונזער גרינע קרויט נישט בנמצא! — האָט געזאָגט די הון. — איך בין איינמאָל אַ זומער מיט מיינע הינדלעך אויף אַ זומער־וואוינונג געווען, איז דאָרט אַ גראָבן געווען, וואו מ'האָט אונז אַרומשפּאַצירן און זיך פּאָרפלען דערלויבט; אויסער דעם האָבן מיר נאָך אַן אַריינגאַנג אין אַ קרויט־גאָרטן געהאַט. איז דאָך דאָרטן געווען גוט,

וואָס גוט הייסט. בעסער ווינטש איך זיך גאָרנישט.

— יאָ, אָבער אַלע היפּעלעך־קרויט זיינען דאָך איינס אויפן אַנדערן ענליך, — האָט געזאָגט דאָס שוועלבעלע. — היינט זיינען דאָך דאָ שלעכטע וועטערן אָפּט.

— עט, מ׳קאָן צוגעוויינט ווערן! — האָט געזאָגט די הון.

— ס׳איז אָבער קאַלט און ס׳מאַכן זיך פרעסט!

— איז וואָס? פאַר קרויט איז דאָס גוט, — האָט געזאָגט די הון. — אגב, ס׳מאַכט זיך אויך ביי אונז וואַרים. אָט, איז מיט אַ יאָר פיר צוריק ביי אונז אַזאַ היץ געווען, אַז מ׳האָט געמיינט, אַז מ׳וועט פון זינען קומען, און ס׳האָט גאַנצע פינף וואָכן געדויערט! און אויסער דעם זיינען ביי אונז די בייזע חיות מיט די גיפטן, ווי דאָרט אין יענע לענדער, נישטאָ. פון גזלנים איז אָפּגערעדט. נאַריש איז דער, וואָס האַלט נישט אונזער פאָטערלאַנד פאַרן בעסטן! ער איז נישט ווערט די רייד און נישט צו דערמאַנען! — און דאָ האָט זיך די הון אַזש צעוויינט. — איך בין אויך אַמאָל געפאָרן, — האָט זי ווייטער גערעדט. — איך בין אַ מייל צוועלף פון דאַנען אין אַ פאַס אָפּגעפאָרן, און גאָרנישט. קיין גוטס אין די נסיעות האָב איך נישט געפילט.

— יאָ, די הון ווייסט, די הון איז אַ באַטראַכטע, — האָט געזאָגט די לעלע בערטאַ, — מיך נעמען אויך נישט די רייזעס אויף די בערג: האַלטסט אין איין קלעטערן אַרויף אַראָפּ, אַרויף אַראָפּ... ניין, מיר וועלן בעסער אויסער דער שטאָט אויף אַ זומער־וואוינונג אַרויספאָרן און אין גראָבן דאָרט און אין קרויט־גאָרטן שפּאַצירן.

און דערויף האָט מען זיך אָפּגעשטעלט. און דערביי איז עס געבליבן.

## שבת.

— היינט וועל איך הערן עפּעס אַ מעשה? — האָט גע־פרעגט דער קליינינקער היאַלמאַר, באַלד נאָכדעם, ווי אָלע־

לוק־אָיע האָט אים פאַרשלעפּערט.

— היינט האָבן מיר דערויף קיין צייט נישט, — האָט געזאָגט אָלע־לוק־אָיע און האָט איבער אים זיין פאַראַסאָל געעפנט.



— טו נאָר אַ קוק אויף די כינעזער דאָרט! — דער פּאַראַסאָל איז אויף אַ גרויסן כינעזישן טעלער ענליך געווען, מיט בלויע ביימער דאָרט און מיט שמאָלע בריקן, אויף וועלכע ס׳זיינען קליינע כינעזערלעך געשטאַנען און מיט די קעפּעלעך געמאַכט. — מיר דאַרפן אויף מאָרגן די גאַנצע וועלט צוקלייבן, — האָט געזאָגט אָלע־לוק־אָיע: — מאָרגן איז דאָך זונטאָג. דאַרף איך זיין אויף די קלויסטערס ביי די גלעקער, אַ קוק טאָן צי האָבן די קלויסטער־רוחעלעך אַלע גלעקער אויסגעפּוצט, זיי זאָלן גוט קלינגען דאָרטן; איך דאַרף אויך אין פעלד

אַרויסגיין זען צי בלאָזן די ווינטן דעם שטויב פון גראָז און ביימער אָפּ; נאָר שווערער פון אַלץ איז, וואָס איך דאַרף פונם הימל אַלע שטערן אַראָפּנעמען און זיי אויסרייניקן און איבערפּוצן. איך קלייב זיי אַלע צו זיך אין פאַרטוך צונויף. נאָר פריער דאַרף מען זייערע נומערן פאַרצייכענען און אויך די לעכלעך־נומערן, וואו זיי שטעקן דאָרט, כדי דערנאָכ־דעם זיי אויף די פריערדיקע ערטער אַריינזעצן. אויב־זשע דו ווערסט זיי פאַרמישן, וועלן זיי שטייף ניט זיצן, און ס'וועלן ביי אונז צופיל פאַלנדיקע זיין.

— הערט נאָר, זייט אַזוי גוט, הער אָלע־לוק־אָיע!... — האָט געזאָגט אַן אַלטער פאָרטרעט איינער, וואָס איז אויף דער וואַנט, ביי וועלכער היאַלמאַר איז געשלאָפן, געהאַנגען.

— איך — דער עלטער־זיידע היאַלמאַרס, — בין איך זעהר דאַנק־באַר דעם קינד, וואָס איר דערציילט אים מעשיות, דעם קינד. אָבער קיין בבא־מעשיות וויל איך ניט און בעט אייך ניט, קיין שטערן פאַלן ניט. די שטערן זיינען אויך אַזוינע הימל־קערפּערס, ווי די ערד, ווי אונזערע, און טאַקע דאָס איז דאָס גוטע אין זיי.

— אַ שיינעם דאַנק, זיידעניו! — האָט געזאָגט אָלע־לוק־אָיע: — אמת דו ביסט דער עלטסטער פונם הויז־געזינט, דו ביסט דער ערשטער פון זייער שטאַם, אָבער איך בין עלטער פון דיר! — איך בין דער אַלטער געצנדינער. די רוימער און די גריכן פלעגן מיך „דער גאָט פון חלומות” רופן. איך גיי אַריין און בין אויס אין אַלע הייזער אין די פאָרנעמסטע. איך קום אויס אַזוי ווי מיט פראָסטע אַזוי אויך מיט האַרן גרויסע. און איצט קאָנסטו דיר אַליין דערציילן”. — און אָלע־לוק־אָיע האָט זיין פאַראַסאָל פאַרנומען און זיך אַוועקגעגאַן.

— נו, נו, מ'טאָר שוין גאָר קיין וואָרט נישט זאָגן, — האָט דער פאָרטרעט דער אַלטער אַרויסגעברומט. און דאָ האָט זיך היאַלמאַר אויפגעכאַפּט.

## זונטאָג.

— אַ גוט־נ'אָוונט! — האָט געזאָגט אָלע־לוק־אָיע, און היאַל־

מאַר האָט אים מיטן קאָפּ אַ שאָקל געטאָן, אויפגעשפּרונגען און דעם עלטער־זיידנס פּאָרטרעט צו דער וואַנט אויסגעדרייט, ער זאָל זיך ווי נעכטן אין שמועס ניט אריינמישן.

— הײנט דאַרפסטו מיר דערציילן די מעשה מיט די פינף אַרבעסלעך, וואָס זיי זיינען אין איין בייטעלע געזעסן, פון דעם הענדעלע, וואָס האָט זיך אַרום דעם הינדעלע געדרייט, און וועגן דער [illegible] צירעווע־נאָדל, וואָס האָט זיך אזוי גרויס געהאַלטן, אַז זי האָט זיך [illegible] אַ דינער ניי־נאָדל פאַר־געשטעלט.

— גוטס אַ ביסעלע אין קליינעם שיסעלע! — האָט געזאָגט אָלע־לוק־אָיע. — דו ווייסט דאָך, אַז איך האַלט בעסער פון פאַרשיידענע זאַכן דיר צו ווייזן. אָט וועל איך דיר מיין ברו־דער ווייזן. אים רופט מען אויך אָלע־לוק־אָיע. נאָר קומען קומט ער צו יעדן איינמאָל נאָר און צו דעם, וואָס ער קומט, דעם נעמט ער צו זיך אויפן פערד ארויף און דערציילט אים מעשיות. און מעשיות קען ער נאָר צוויי: איינע אַן אומגע־וויינליך שיינע, וואָס שענער קאָן מען זיך גאָר ניט פאָרשטעלן, און די צווייטע אָן עקלדיק־שרעקליכע. — און דאָ האָט אָלע־לוק־אָיע דעם קליינעם היאַלמאַרן צום פענסטער אויפגעהויבן און געזאָגט: „אָט איז ער דער ברודער מיינער, דער צווייטער אָלע־לוק־אָיע. מענטשן רופן אים: טויט. זעסט, אַז ער איז גאָר ניט אַזאַ מיאוסער, ווי מע מאָלט אויף די בילדער אויס: אין אַ שאַרבן־פאָרם. דאָס קלייד זיינס איז מיט זילבער גע־שטיקט, זיין מונדיר איז א שיינער הוזאַרן־מונדיר, און זיין אויבער־מאַנטל פון שוואַרצן סאַמעט פליט אין דער לופט איבערן פערד איבער זיינעם אַרום. זעסט, ווי ער גאַלאָפּירט!

און היאַלמאַר האָט דערזען, ווי דער צווייטער אָלע־לוק־אָיע איז אויפן פערד רייטנדיק געשפּרונגען און סיי יונג, סיי אַלט צו זיך אַרויפגעכאַפּט. אייניגע האָט ער פאַר זיך אַנידער־געזעצט, און אייניגע — הינטער זיך. ביי יעדערן נאָר האָט ער צום אַלעם ערשטן אַ פרעג געטאָן: וואָס פאַר אַ באַל פאר אויפפירונג ער האָט. „גוטע!“ — האָבן אלע געוויינטליך געענט־

פערס. — „אַ'נו, באַווייזט נאָר מיר אַ קוק טאָן!" — האָט ער געזאָגט, און ביי יעדערן דאָס ביכל מיט די באַלן צוגענומען. און אָט, די, ביי וועלכע ס'איז פאַר אויפפירונג „זעהר גוט" און „אויסגעצייכנט" אָנגעשריבן געווען, האָט ער פאַר זיך אַנידערגעזעצט און זיי אַ שיינע מעשה דערציילט, די אָבער, ביי וועלכע ס'איז נאָר „נישקשה" און „מיטלמעסיק" געשטאַנען, די האָבן געמוזט הינטן זיצן און אַ שרעקליכע מעשה אויס-הערן. זיי האָבן געוויינט און געציטערט אוי[illegible] געוואָלט פון פערד [illegible]פשפרינגען, האָבן זיי אָבער נישט געקאָנט, וואָרים זיי זיינ[illegible]ן צו דעם אַזוי ווי צוגעוואַקסן געוואָרן.

— זע נאָר: דער טויט איז דאָך גאָר — דער שיינער אָלע-לוק-אָיע! — האָט אויסגעשריגן היאַלמאַר. — איך האָב דאָך פאַר אים גאָר קיין מורא נישט!

— און ס'איז ניטאָ פאַר וואָס מורא צו האָבן! — האָט געזאָגט אָלע-לוק-אָיע, — זע נאָר, ס'זאָלן ביי דיר כסדר נאָר גוטע באַלן פאַר אויפפירונג זיין.

— אָט דאָס ה[illegible] [illegible] קינד אין גוטע דרכים פירן! — האָט אַרויסגעזאָגט דער פאָרטרעט דעם על[illegible]דנס, — כ'האָב טאַקע גוט געטאָן, וואָס איך האָב מיין מיינונג אַרויסגעזאָגט.

און [illegible] איז זעהר צופרידן געווען.

אָט דאָס איז די מעשה מיט אָלע-לוק-אָיען; היינטיקע נאַכט זאָל ער דיר שוין אַליין דערציילן.

